ד. בסיום פרשת ויק"פ שטייט: ובהעלות הענן מעל המשכן יסעו בני ישראל בכל מסעיהם. ולכאורה אינו מובן, וואס האט דאס פאר א שייכות צום ענין המשכן, דאס איז דאך גאר נוגע צום ענין המסעות, וואס ווערט ארום גערעדט באריכות בפ' בהעלותך?

און וואס נאך מער פלא איז, אז גלייך נאך סיום פ' פקודי גייט פ' ויקרא, וואו עס רעדט זיך בענין הקרבנות כו', וואס דאס איז דאך איין המשך מיט פ' פקודי, וואו ער איז מסיים ענין עשיית המשכן, איז גלייך נאך דעם קומט דער ציווי בנוגע קרבנות, וואס דאס איז מעבודות העיקריות דמשכן, כנ"ל, איז וואס איז ער מפסיק אינמיטן בענין המסעות?

לא מבעי להדיעה אז פ' ויקרא נאמרה בשמיני למילואים, וואס דעמאלט זיינען די פרשיות כסדר הזמנים, האט דאך אודאי ניט קיין ארט צו מפסיק זיין אינמיטן בענין המסעות, נאר אפילו להדיעה אז פ' ויקרא איז געווען פאר שמיני למילואים, דלפי"ז איז דאס געווען פאר דעם וכבוד הוי' מלא את המשכן (וואס איז געווען ערשט בשמיני למילואים) והפרשיות לא נאמרו כסדר הזמנים, אעפ"כ, איז דאך דאס אלץ בהמשך אחד - אין דעם ענין פון נדבת המשכן, עשיית המשכן וקרבנות המשכן, אבער וואס האט דא פאר א ארט צו מפסיק זיין בענין המסעות?

ווערט מען עס פארשטיין בהקדים וואס עס שטייט אויך אין נגלה, ובפרט אין ספרי מוסר, און נאך מערער אין חסידות, אז ביי א אידן דארף זיין כסדר הילוך ועלי', מעלין בקודש. און ניט נאר עלי' שבהדרגה, נאר באופן של דילוג כו', וואס דאס איז דאך אמיתית ענין ההילוך, אז די מדריגה אין וועלכע ער איז עולה איז באין ערוך לגבי מדריגה הקודמת. און דאס איז אן ענין וואס עס דארף זיין שטענדיק: ווי הויך מען זאל ניט זיין, דארף מען כסדר גיין בעילוי נעלה יותר, וחלא בהדרגה.

און דאס



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ד שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 269 הודפס ע"י אוצר החכמה

און דאס דערציילט די תורה, אז לאחר וואס מען האט אויפגעבויט דעם משכן, און ס'איז געווען גילוי אלקות, וכבוד הוי' מלא את המשכן, און ס'איז געווען אזא הויכע דרגא ביז אז אפילו משה רבינו - וואס ער איז געווען דער מקבל ראשון מהקב"ה, העכער לגמרי פון ענין העולם, אפילו פון ענין התורה שבעולם, וואס דערפאר איז בשעת דער אויבערשטער האט אים געזאגט אז ער זאל ארויסנעמען די אידן פון מצרים וואס יצי"מ איז א הקדמה למ"ת האט ער גע'טענה'ט כבד פה וכבד לשון אנכי, ער איז העכער פון ענין התורה, כבד לשון בתושבע"פ וכבד פה בתושב"כ, וויילע ער איז געווען משמיםה ראשונה שלמעלה מענין העולמות - האט עס ניט גע-קענט מקבל זיין, ולא יכול משה לבוא אל אהל מועד גו' שכן עליו הענן, און דער אור נעלה שלמע'גה מהשגת משה איז געקומען בגילוי לעיני בשר, ביז אז אפילו אומות העולם האבן געקענט זעען אז וכבוד הוי' מלא את המשכן. איז וואס איז שייך לכאורה העכער פון דעם - איז באלד נאך דעם וואס די תורה איז מסיים דעם סיפור המשכן מיטן גילוי אלקות שבו, זאגט מען גלייך ווייטער - ובהעלות הענן מעל המשכן יסעו בני ישראל גו': נאך די אלע גילויים דארף ערשט זיין דער "יסעו", מען דארף גיין העכער, עס דארף זיין "ובהעלות הענן גו'", נאך העכער פארן ענן. און וועגן וועמען רעדט מען דאס, ניט נאר וועגן יחידי סגולה, נאר יסעו בני ישראל, יעדער איד (אן קיינע תנאים) דארף ביי אים זיין דער "יסעו", אפילו לאחר גילוי הענן".

וואס דאס איז דאך דער ענין פון יצי"מ וואס עס דארף זיין בכל יום ויום, שענין יצי"מ הוא העלי' כו', ולכאורה, לאחר וואס עס איז גע-ווען דער וכבוד הוי' מלא את המשכן, איז וואס איז שייך דעמאלט יצי"מ? *) און ווי העכער - שלא בהדרגה כלל ובאין ערוך, ביז אז די מדריגה הקו-דמת, ווי הויך זי זאל ניט זיין, הייסט זי בשם "מצרים" לגבי די מדריגה אין וועלכע ער דארף עולה זיין.

און דא ליגט צו דער פסוק א גוואלדיקן ענין - "בכל מסעיהם", אז כל הנ"ל רעדט זיך דאס ניט נאר בזמן הבית, נאר "בכל מסעיהם", אומעטום וואו א איד גייט נאר, אפילו בזמן הגלות, איז אויב זיין הילוך ומסע איז פארבונדן מיטן "ענן", ער ווייסט אז מהוי' מצעדי גבר כוננו, ער ווייס אז אומעטום וואו ער גייט איז דאס א שליחות פון אויבערשטן, זיינע מסעות זיינען פארבונדן מיטן ענן הוי', אז בשעת ובהעלות הענן גו' איז יסעו ובשעת ואם לא יעלה הענן איז ולא יסעו, איז אפילו ער איז א איש פשוט און אפילו בזמן הגלות, זיינען זיינע מסעות א שטענדיגע עלי', און ער איז עולה אין אזא ארט וואס אפילו משה לא יכול לבוא. די פשיטות פון א אידן דערלאנגט נאך העכער פון בחי' משה, וכידוע אז די פשיטות פון א איש פשוט דערלאנגט אין פשיטות העצמות, און משה איז מקנא אט די פשיטות פון א איש פשוט.

ואעפ"י אז עד פילט דאס ניט, און ער געפינט זיך אין דעם חושך כפול ומכופל פון זמן הגלות, איז די ירידה נאר בחיצוניות. אבער בפני-מיות איז עס קיין ירידה ניט, דכל הירידה הוא בשביל העלי', ועפ"ד המבואר בחינוך קטן בענין שבע יפול צדיק וקם, אז באטש סאקע שבע יפול צדיק איז עס אבער צוליב דעם וקם.

וואס דאס איז אויך דער תירוץ פון דעם פירוש הפשוט אין "ובהעלות הענן", וואס אין פשטות מיינט דאס סילוק שכינה, מיטן פירוש הנ"ל אין "ובהעלות הענן", אז ובהעלות הענן מיינט העכער פון דעם ענן. דאעפ"י אז בחיצוניות וכפשוטו איז עס אן ענין פון ירידה, סילוק שכינה, איז אבער דאס גופא צוליב דעם "וקם", בפנימיות איז עס אן עלי' נאך העכער פון דעם ענן הוי' שלמעלה מהשגת משה.

*) איז פונדעסטוועגן זאגט מען אז אויך דעמאלט דארף זיין דער "יסעו", גיין העכער, ה.



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ד שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 270 הודפס ע"י אוצר החכמה

בס"ד, שיחת ש"פ פקודי מבה"ח אדר שני תשכ"ז, <u>הנחה פרטית בלתי מוגה</u>

א. עס איז דאך יעדער שבת ווערט אנגערופען מיט די מעלה פון חמדת ימים אותו קראת, ע"ד ווי דאס וואס אויף שבת שטייט ויכולו השמים והארץ וכו', וואס איינע פון די פרושים אויף ויכולו, איז דאס מלשון תענוג, און דאס איז אויך דער ענין פון חמדת ימים, ענין התענוג.

דאס איז א מעלה וועלכער איז פאראן בכל שבת ושבת, שבכל השנה, עס איז אבער פאראן אמאל וואס אין שבת קומט צו א מעלה נוספת, ובפרט דעם שבת, וואס איז פאראן אין דעם <u>כמה</u> מעלות און זיי קומען צוזאמען אין דעם זעלבן שבת.

די ערשטע מעלה איז וואס די שבת איז פ' פקודי, וואס פ' פקודי איז דער סיום פון ספר שמות, איז פאראן די מעלה, פנק <u>חזק</u>, וכמובן פון דעם וואס בגמרא של תורה, בשעת עס איז פאראן דער סיום פון כל התורה, איז דעמאלט פאראן א ענין של יו"ט (שמחת תורה), וואס דאס איז בשעת עס דער סיום פון כל התורה, ועד"ז איז אויך פארשטאנדיק, בשעת מען פאר-ענדיקט, איין ספר פון די תורה, אז דאס דארף אויך זיין א ענין של שמחה, מעין פון שמח"ת.

דערנאך קומט צו נאך א מעלה אין דעם שבת, אז דאס איז פ' שקלים, וואס ניט שטענדיק פאלט אויס פ' שקלים אין פ' פקודי, אין דעם יאהר אבער פאלט דאס אויס אין איין זמן, פ' פקודי, און פ' שקלים, און מען לייענט די הפטרה פון שקלים.

דערנאך קומט צו דער דריטער מעלה אין דעם שבת, און דאס איז וואס דאס איז ער"ח, ניט שטענדיק פאלט אויס פ' שקלים, ער"ח, די שבת אבער פאלט דאס יע אויס ערב ראש חודש.

דער ענין פון מחר חודש איז א ענין של מעלה, און ווי עס איז פארשטאנדיק פון דעם וואס די הפטרה איז דוחה די הפטרה פון שעם שבת, און מען איז מפטיר "מחר חודש".

כידוע די מעלה פון הפטרה, אז דאס איז פון תקנת הנביאים, ביז גאכמעהר, אז עס איז פאראן א דיעה אין ראשונים, אז די הפטרה איז נאך פון ימי משה, -די דיעה שטימט ניט צו דעם וואס מ'זאגט אז ענין ההפטורה איז מצד הגזערה- (ראה שו"ע אדה"ז סי' רפ"ד,א) איז אבער פונדעסטוועגן פאראן א דיעה אז דאס איז מימי משה, ובמילא איז פארשטאנדיק, בשעת עס קומט א שבת ערב ראש חודש, און מען איז ניט מפטיר די הפטרה פון דער פרשה, נאהר מחר חודש, איז דאס זיכער צוליב דעם וואס מחר חודש האט אין זיך א גרויסער מעלה.

ובפרט ווי עס רעדט זיך ארום אין חסידות, ושאר ספרי מוסר, -וועגן די מעלה פון מחר חודש- איז דאך זיכער פארשטאנדיק אז דאס איז א מעלה ביותר.

די ערשטע מעלה פון די דריי מעלות, איז דאס פ' פקודי, ווארום די מעלה איז פון שבת אליין, די צווייטע מעלה איז פ' שקלים, וואס פ' שקלים איז נאך א גרעסערע מעלה פון מחר חודש, ווי מען זעט דאס אז די הפטורה איז ניט מחר חודש נאהר פ' שקלים, עס איז בלויז וואס מען זאגט דעם ערשטן פסוק, און דעם לעצטן פסוק פון מחר חודש, דער עיקר הפטורה איז אבער פון פ' שקלים, במילא איז פארשטנקיק אז פריער קומט די מעלה פון שקלים, און דערנאך קומט דער דריטער מעלה וואס דאס איז ערב ראש חודש.

וועט מען איצטער ריידען על הסדר, פריער וועגן פ' פקודי, און דערנאך פון פ' שקלים, און דערנאך בנוגע לפ' מחר חודש.



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ז א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 423 הודפס ע"י אוצר החכמה

אעפ"י אז לכאורה דארף פריער קומען די מעלה פון מחר חודש, פאר פ' שקלים, ווארום עס איז דאך תדיר ושאינו תדיר תדיר קודם, און די מעלה פון מחר חודש איז דאך מעהר בתמידיות אפן יאהר פון פ' שקלים, ווארום פ' שקלים, איז פאראן בלויז פעם אחת בשנה, משא"כ מחר חודש איז דאך דאס בשעת ראש חודש קומט אויס זונטיק, און ווי דער סדר איז אז אין איין חודש איז ר"ח . אין איין טאג, דערנאך אין צווייטען חודש איז ראש חודש מיט א טאג שפעטער, וכו' וכו', במילא מוז דאך זיכער אויסקומען א שבת פון מחר חודש, איין מאבל א יאהר ובדווקא דרובא נאכמעהר . ווי איינמאל.

במילא קומט דאך אויס, אז די מעלה פון מחר חודש איז מעהר בתמידיות פון פ' שקלים, דארף דאך דאס זיין קודם, פונדעסטוועגן אבער איז די מעלה פון פ' שקלים א העכערע, וכנ"ל ווי מען זעהט דאס פון די הפטורה, און דאס איז בדוגמת ווי ביי יעדער שבת, בשעת דאס פאלט אויס בער"ח, אז אעפ"י שבת איז מעהר בתמידיות, איז מען אבער ניט מפטיר די הפטורה פון די פרשה, נאהר מען זאגט די הפטורה פון מחר חודש.

ווערט מען אבער אנהייבען ריידען פון פ' פקודי (און דא ווערט מען מפסיק זיין צאגען אויף וועלכע רש"י מען ווערט ריידען, ווערט מען ריידען אויף ויקטר עליו קטורת).

וואס כנ"ל איז דאך פ' פקודי דער לעצטער פרשה פון ספר שמות, און דאס איז דער סיום, וואס ביי א סיום זאגט מען אז נעוץ סופן וסופן בתחילתן, און ע"ד ווי בגמרא של תורה זאגט מען אז מתכיפין דער התחלה צו דעם סיום.

איז עד"ז אויך ביי איין ספר אז דאס איז אויך נעוץ סופן בתחלתן וכו' דער התחלה פון ספר שמות, מיטן סיום פון ספר שמות איז מובן עפ"י פשטות, ווארום די התחלה פון ספר שמות, איז דאס מיט ואלה שמות בני ישראל כו' וואס דאס איז ענין המנין, און ווי רש"י זאגט אז דער מנין איז להודיע חבתן וכו'.

ועד"ז איז אויך דער סיום פון ספר שמות מיט פ' פקודי, שזהו"ע המנין, וואס מ'האט געציילט ד' נדבות פאר די כלים פון משכן, וכו, און ווי בערעדט אמאל בנוגע אז שמה מילתא היא, אז וויבאלד דער שם הסדרה איז דאס מיט "פקודי" איז . דאס א באווייז אז דאס איז דער תוכן ועיקר של כל הסדרה, אז דאס איז מיט ענין המנין, ציילען די אלע ענינים פון משכן.

איז דא זאגט מען אז נעוץ סופן בתחלתן ותחלתן בסופן, איז אעפ"י דאס איז נעוץ, פונדעסטוועגן זיינען זיי אבער סופן, און תחלתן, ד.ה. אז עס בלייבט אלץ סוף און תחלה. (און ווי עס ברענגט זיך אין ספר יצירה).

און ווי מען זעהט דער ענין אויך דא אין פ' פקודי, אז פריער איז פאראן דער מנין וואס דאס איז דורך דעם אויבערשטן, ווי רש"י זאגט "המוציא במספר צבאם" וואס דאס איז דער אויבערשטער.

דערנאך אבער אין פ' פקודי, איז דער מנין ע"י משה, וואס דער חילוק איז דאך באין ערוך, וואס דער אויבערשטער איז ראשית כל הראשין, און קדמין כל הקדומים, וואס דא זאגט מען די מעלה אז פריער דארף דאס זיין ע"י הקב"ה, און ערשט דערנאך קען דאס זיין ע"י משה.

ניט קוקענדיק אויף די אלע מעלות פון משה, ביז מ'זאגט אז שכינה מדברת מתוך גרונו, וכו' וכו', פונדעסטוועגן אבער איז ער "סופן", אז ער קען קומען דוקא ע"י הקבה, ד.ה. אז פריער דארף זיין דער מנין ע"י הקב"ה, און ערשט דערנאך קאן דאס זיין ע"י משה.



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ז א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 424 הודפס ע"י אוצר החכמה

און דורכדעם קומט מען צו בעבודה, וכמדובר אז יעדער ענין דארף אויך אראפ קומען בעבודה. און דאס איז אז סיי די התחלה און סיי דער סוף, איז דאס אלץ א ענין פון ציילען, שלכאורה איננו מובן וואס איז אזוי די מעלה אין ציילען, לכאורה איז דאך די גאנצע מעלה פון אידן וואס מען זאגט אז לא יספר מרוב, אז עס איז ניט שייך דער ענין פון ציילען, וואס איז אוזי די מעלה אין ציילען דוקא?

איז דאס בעבודת האדם: אז אעפ"י מאבען מאנט מען ביי א איד אז זיין עבודה זאל זיין למע' ממדידות והגבלות, איז אבער די התחלת עבודה זיינע דארף זיין מן הקל אל הכבד, ע"י מדידה והגבלה דוקא.

די התחלה דארף זיין מיט בכל לבבך, ובכל נפשך, דאס איז נאך אין הגבלות, וואס בכל לבבך איז דאך בשני יצריך, אז עס איז נאך פאראן דער ענין פון יצה"ר, און עס איז פאראן די עשר כוחות בנפש, ביז ווי די גמרא זאגט אז די פרשה איז אויך פאראן בשעת אין עושין רצונו של מקום, איז אויך דעמולט, קאן דאס זיין און ס'דארף זיין בכל לבבך ובכל נפשך איז דאס אבער נאך אלץ במדידה והגבלה.

ודוקא דורכדעם וואס די עבודה בהתחלה איז במדידה והגבלה, קען ער דערנאך צוקומען לבכל מאודך, וואס דאס איז א ענין של בלי גבול, בכל מדה ומדה שאתה מודד, איז פאראן ביי איהם דער ענין פון בלי גבול.

און דערפאר איז די התחלה דורך ואלה שמות דוקא וואס דאס איז דער ענין פון ציילען, איז אעפ"י אז דער תכלית הכוונה איז אז עס זאל זיין לא יספר מרוב, א ענין של בלי גבול, פונדעסטוועגן זאגט מען אבער והי' מספר בני ישראל כו' אשר לא יספר, ווי קען מען צוקומען אז עס זאל זיין לא יספר, איז דאס דוקא דורכדעם וואס עס איז פריער פאראן והי' מספר בני ישראל ( די כוונה איז אז עס זאל אויך אראפ קומען איז והי' מספר, אין מדידה והגבלה).

איז די התחלה איז טאקע מיט ואלה שמות וכו' ענין המספר, דערנאך אבער קומט מען צו, ווי ער זאגט אין הגדה, גוי גדול עצום ורב, ווי עס איז פאראן די צוויי פירושים אין דעם, הא' מל' דבוא, והב' מלשון רבבה וואס דאס איז דער ענין פון בלי גבול.

און דאס איז דדקא דורכדעם וואס די הקדמה איז אין מספר, דערנאך קומט מען צו, ווי ער איז מסיים בפ' פקודי אז ולא יכול משה לבוא כו' ווייל עס ווערט נמשך אזא אור וועלכע איז העכער פון מדידות והגבלות, אפילו די מדידות והגבלות פון משה, און דאס איז דער גילוי פון ושכנתי בתוכם.

איז אין הכי נמי, מלכתחילה איז בלויז בשבעים נפש ירדו במצאים, האט מען אבער פון שבעים אויפגעמאכט דער ענין פון נפש, וואס דאס איז נפש לשון יחיד, (יחידו של עולם) ווארום יעדער איד איז א חלק אלוקה ממעל ממש, וואס דאס איז א ענין וועלכער איז היפוך פון א מדידה והגבלה.

ווי קען טאקע אבער זיין אז פון מספר זאל ער דערנאך צוקומען צו לא יספר, העכער פון אלע מדידות והגבלות, איז דאס דוקא ע"ז אז בשעת ביי איהם איז פאראאנען דער ענין פון מספר מיט מדידות והגבלות, דעמאלט ווייסט ער גלייך, אז די כוונה איז ער זאל דורכדעם צוקומען למע' ממספר, און דאס וואס ביי איהם איז פאראן דער ענין פון מספר, איז דאס בלויז צוליב א הכנה בכדי ער זאל דורכדעם קענען צוקומען ללמע' ממספר.

און דערפאר, איז שוין איידער עס איז געזוען אלה פקודי כו' ענין המדידה, האט ער שוין פון פריער מודיע געזוען אז דער תכלית המכוון איז אז עס זאל זיין ושכנתי בתוכם, א גילוי שלמעלה ממדידות והגבלות.



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ז א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 425 הודפס ע"י אוצר החכמה

עס איז נאהר, וואס גלייך בהתחלת העבודה, קאן מען נים אנפאנגען מים למעלה ממדידות והגבלות, במילא מוז מען גיין מן הקל אל הכבד, און אנהייבען מים הגבלה, דער תכלית המכוון אבער איז צוצוקומען לענין בלי גבול, למעלה ממדידות והגבלות, ולא יכול משה כו"׳.

און דערפאר האם אויך גלייך בהתחלת העבודה געדארפם זיין די הקדמה פון נעשה לנשמע, ד.ה. אז גלייך בשעת ער פאנגם אן דארף ער וויסען אז דער תכלית איז בלי גבול, למע׳ ממדידות והגבלות שלו, אפילו דאס איז נים בהבנה והשגה שלו, און דוקא בשעת ער וויים דאס, קאן ער צו קומען לבלי גבול, ווי אבער אז עס איז ביי איהם מלכתחילה נים פאראנען דער נעשה, דעמאלט פעלט דאס אויך אין דער נשמע.

די עבודה בפועל אבער איז אז פריער דארף זיין אלה פקודי כו׳, און דורכדעם קאן ער צוקומען צו ולא יכול משה, דער ענין פון ושכנתי וועלכער איז העכער פון אלע מדידות.

ועד"ז איז דאס אויך ביי ואלה שמות כו׳ אז פריער דארף זיין דער המוציא במספר צבאם, וואס דאס איז א ענין וועלכער קומט מלמעלה, א ענין שלמעלה ממדידות והגבלות, וואס דאס איז המוציא און דערנאך איז פאראנען דער ירידת הנשמה למטה, אין א מדידה והגבלה, פריער אבער איז פאראנען דער נתינת כח מלמעלה, און דורך רוח איתב רזה מלמע׳ ווערט אמשיך רוח, מלמטה.

וי"ל בדרך אפשר, אז דאס איז אויך דער ענין פון ואלה שמות, וואס עס שטיים דא מים א וא״ו המוסיף, איז ווי געריעדט בנוגע ואתה תצוה, אז דאס איז אזא המשכה וועלכער איז נאך העכער פון אתה תצוה, דער ענין פון צוותא וחיבור, עד"ז איז אויך דא ביי ואלה שמות איז דער וא"ו מוסיף.

שלכאורה איז נים פארשטאנדיק בפשטות, וואס קומט דא א הוספה אויף פריער? דאס איז דאך א התחלה פון א ספר, וועלכער האט נים קיין שייכות צו פריער?

איז דער ביאור אבער: אז דער ענין באווייזט אויף א הוספה אין דעם "אלה" ווארום אלה איז דאס א ענין של בילוי, ובמילא איז דאס אויך א ענין וועלכער האט אין זיך מדידות והגבלות, ווארום אויב דאס איז נים במדידה והגבלה איז במילא נים שייך זאגען אז דאס איז בילוי, משא"כ אבער דער ענין פון ואו דאס איז א ענין וועלכער איז נים בבלוי, נאך העכער פון אלע מדידות והגבלות, און דאס איז דער כח וואס מען גיט א אידען מלמעלה בשעת עס איז פאראן דער המוציא במספר צבאם כו׳ די ירידת הנשמה למטה, אז דאס איז באופן של חשיבות והביבות.

ועד"ז איז דאס אויך ביי אלה פקודי המשכן, אז די התחלה איז שוין פון פריער געווען וואס מען האט זיי מודיע געווען אז ושכנתי בתוכם, און דאס האט אויפגעטאהן ביי אלע אידען סיי די וועלכע האלטן ביי די דרגא פון זהב, און סיי די וועלכע האלטן ביי כסף און סיי די וועלכע האלטן אין די דרגא פון נחושת, אז עס זאל זיין ושכנתי בתוכם בתוך כל אחד ואחד, דער ענין פון ולא יכול משה, א המשכה וועלכער איז למעלה ממדידות והגבלות.

דאס וואס מען זאגט ולא יכול משה איז דאך נים דער פירוש ח"ו אז לפועל איז ער טאקע נים אריינגעגאנגען, נאהר ווי עס שטיים אז עשה לו שביל בתוכו, בכדי ער זאל קענען אריינגיין, ועד"ז איז דאס אויך באתפשטותא דמשה, וואס משה איז דער ענין פון שושבינא דמלכה, במילא פועל׳ט ער דאס ביי אלע אידען, נים בלויז ביי זיך.



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ז א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 426 הודפס ע"י אוצר החכמה

ווארום עס איז דאך ומשה הי' רועה, ניט בלויז שפעטער, באהר
מיד בתחילת הולדו, איז ער שוין געווען א רועה, איז דערנאך
האט ער דאס געפועל'ט אויך ביי אלע אידן, אז ביי · אלע אידן איז נמשך
געווארען דער ענין פון ושכנתי, העכער פון אלע מדידות וכו'.

איז אהנ"ם, פריער מאקע האט מען געציילט זהב כסף וכו', האט
מען אבער דערנאך פון דעם איבערגעמאכט אז עס זאל ווערן פון דעם ושכנתי.

און ממשיך געווען דער אתעדל"ע, וועלכער איז העכער פון
די אתעדל"ע וואס קומט דורך אתעדל"ת, און עס איז נמשך געווארען
דער ושכנתי בתוכם גלייך, דערנאך ; אבער ווען עס וועט ווייטער זיין
בגלוי, בביאת משיח צדיקנו, בבנין ביהמ"ק השלישי שיבנה כו"
בקרוב ממש.

ב. ועל דרך זה איז דער ענין אויך פאראנען ביי פ' שקלים, וואס
עס איז דאך באחד באדר משמיעין על השקלים, ווייל דעמאלט גייט מען צו
דעם נייען יאהר, במילא נעמט מען די שקלים פאר די קרבנות וועלכע עס
וועלן זיין בשנה הבא, ומשחרב ביהמ"ק, איז אבער געבליבען די קריאה, אז
בשבת ער"ח אדר, אדער בשבת שקודם לר"ח אדר, איז דא דער ענין וואס מען
לייענט פ" שקלים.

געפינט מען ביי די מחצית השקל, אז מען זאגט העשיר לא ירבה
והדל לא ימעיט, וואס דאס איז א ענין של מדידה והגבלה, אז עס דארף זיין
בלויז מחצית השקל, און עס איז ניטא קיינע חילוקים דערביי.

איז אבער דערנאך ווער פון דעם
מוסרו לציבור, ווי דער דין איז, ד.ה. אז דער תכלית דערפון איז אז
עס ווערט ממון ציבור.

ביי אידן איז דאך א ציבור, א ענין וועלכער איז העכער ממדידות
והגבלות, עס וועט נמשך א אור וועלכער איז העכער פון מדידות והגבלות.

לכאורה ווי קען מען דאס מאקע זאגען אז דורך א ציבור ווערט
נמשך א אור שלמע' ממדידות וכו', בשעת דער ציבור, איז דאך וואס
עס ווערט צוזאמען געקליבען אסאך יחידים, ווי קען מיט אמאל
צו קומען א העכערע גילוי בשעת דער גאנצער ענין פון ציבור איז צוזאמען
געשטעלט פון יחידים?

און ווי מען זעהט עפ"י פשטות, אז בשעת מ'האט גענומען די געלט
פון אלע אידן, איז אעפ"י אז עס איז געווארען של ציבור, איז דאך אבער
ניט צוגעקומען דורכדעם איז די זהב וכסף וכו' וכו', און עס איז ניט
צו געקומען מעהר, פאר די קרבנות.

איז אבער פונדעסטוועגן ע"י ענין הקרבן, ווערט אויפגעטאהן
א ענין שלמעלה ממדידות וכו", און ווי דער מדרש זאגט אז נחת רוח <u>לפני</u>
שאמרתי ונעשה רצוני, לפני דוקא, אעפ"י אז אין פסוק פון וועלכער
מען לערנט דאס ארויס, ריח נחות כו" ווערט דא גארניט דערמאנט דער ענין
פון לפני, פונדעסטוועגן איז אבער דער ענין אזוי, אז עס ווערט אויפ-
געטאהן העכער פון אלע מדידות והגבלות, און ווי ער איז מאריך אין דעם
מאמר ההילולא, אז ענין הקרבן, איז עולה עד רזא דאין סוף,
וואס דא זעהט מען אז אעפ"י מלכתחילה איז די מחצית השקל א ענין
מדידה והגבלה, קומט מען אבער דערנאך צו למע' ממדידות והגבלות.

און ווי בערעדט פריער, אז ווי קען מען מאקע פועל'ן
פון מדידה והגבלה, אז עס זאל ווערן למע' ממדידות וכו' איז דאס



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ז א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 427 הודפס ע"י אוצר החכמה